# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שלח, כ"ו סיון, מברכים חודש תמוז, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ג'
שנה 7, גליון 37 (348)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**8:08**
מוצאי שב"ק.....................**9:38**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............................עזרא ה'-ו'
בבלי.........................זבחים נ"ז
ירושלמי..........עבודה זרה ט"ו
תוספתא...............נזיר פרק ב'
רמב"ם..........................סוטה ד'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִּיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיּוּת. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פַּארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִּיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין א.א.וו. אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פִיל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַּארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַּארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְלִים גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶעהן אוֹיבּ זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְלִים גֶעזֶעהן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע וֶועלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער רַחוּם וְחַנּוּן - נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק שְׁלַח תש"ם)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### סְ'אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶועריִקֵייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, סַיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָר חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען. אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת'ן ווִילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ו) **אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שְׁוֶועריִקֵייטְן פַאר אַ**

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, וֶועסְטוּ נִישְׁט קְרֶעכְצְן אַזוֹי אוֹיף פַּרְנָסָה; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אַז מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן וֶועט מֶען הָאבְּן גֶעלְט". אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט אוּן עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין מִנְיָנִים, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶונֶען נָאר אִין שׁוּל, אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן צ, סְעִיף ט), אַז מֶען זָאל דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לו): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּית הַכְּנֶסֶת, וְאֵינוֹ נִכְנָס לְשָׁם לְהִתְפַּלֵּל, גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו", וֶוער עֶס הָאט שׁוּל אִין זַיין שְׁטָאט אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען בְּרֶענְגְט עֶר אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן דַארְפְן גֵיין אִין גָלוּת; דָאס אִיז אַ מַאֲמַר חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח.). לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט צוּ טוּן גֵיין אִין שׁוּל מִיט דֶעם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט גֵיין אִין גָלוּת? נָאר מֶען קֶען זָאגְן פָּשׁוּט, אַז דִי קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ גָלוּת לֶעבְּן; וַוייל אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קַיין טַאטֶע וָואס אִיז זֵיי מְחַנֵּךְ אוּן גֵייט מִיט זֵיי דַאוֶונֶען וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ גָלוּת לֶעבְּן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין דִי גַאסְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

(שאַתן אמונה, פ' שלח תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיר רֶעדְט נִישְׁט פוּן גֶעלְט, הָאט אִיר דִי רַייכְסְטֶע יְשִׁיבָה?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**



אִיךְ ווִיל אַייךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אֵייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן אוּן חִיזוּק, אוּן מַאכְט אַז אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין.

אִיךְ הָאבּ פּוּנְקְט יֶעצְט גֶעלֵיינְט ווִי אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, וָואס דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, וַוייל אִיר טוּט דָאךְ אוֹיף פַּאר אַזוֹי סַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיר קֶענְט אֲפִילוּ נִישְׁט (אַזוֹי ווִי אִיךְ), אוּן אִיר דֶערְמַאנְט נִישְׁט קַיין וָוארְט קֵיינְמָאל אַז דֶער וָואס ווִיל קֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן מִיט אַ קְלֵיינֶע נְדָבָה.

בַּיי יֶעדֶע אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, אֵיינֶע פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן אִיז, "אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת?", אוּן דָא, וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֶערְט אַלֶע שִׁיעוּרִים, דֶערְמַאנְט אִיר נִישְׁט קַיין וָוארְט וֶועגְן גֶעלְט, מֶען קֶען מֵיינֶען אַז דָאס אִיז דִי רַייכְסְטֶע יְשִׁיבָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט בִּיטֶע מוֹדִיעַ זַיין וואו מֶען קֶען רוּפְן אוֹיף אִיבֶּערצוּגֶעבְּן נְדָבוֹת פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, מִיט קַיין שׁוּם גֶעלְט אִין דֶער וֶועלְט קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְדְרִיקְן מַיין דַאנְקְבַּארְקֵייט פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

חַיִים

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד חַיִים נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, בְּעִיקָר אֵיין עֵצָה וָואס הֶעלְפְט אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם - 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס פַארְצֵיילְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קי.) אַז קֹרַח הָאט גֶעהַאט דְרֵיי הוּנְדֶערְט אֵייזְלֶען וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן בְּלוֹיז דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן זַיינֶע אוֹצְרוֹת, אַזוֹי רַייךְ אִיז קֹרַח גֶעוֶוען; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פְּשַׁט אוֹיף דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל, שְׁלִיסְלֶעךְ זֶענֶען אַזוֹי ווִי עֵצוֹת, וֶוען מֶען הָאט אַ פַּארְמַאכְטֶע פְּלַאץ, מֶען אִיז אִין מַצָב וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיז אַן עֵצָה אַזוֹי ווִי אַ שְׁלִיסְל וָואס מֶען קֶען זִיךְ אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן יֶעדֶע סָארְט פַארְמַאכְטֶע פְּלַאץ. קֹרַח הָאט גֶעהַאט דְרֵיי הוּנְדֶערְט עֵצוֹת, פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע דִמְיוֹן, אָבֶער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט אֵיין מֵייסְטֶער שְׁלִיסְל - "תְּפִילָה"; מִיט דֶעם שְׁלִיסְל קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן יֶעדֶע פַארְמַאכְטֶע צָרָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר נִישְׁט קַיין דְרֵיי הוּנְדֶערְט אֵייזְלֶען וְכוּ', עֶר הָאט אֵיין שְׁלִיסְל 'הִתְבּוֹדְדוּת', וָואס דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אַ מֵייסְטֶער שְׁלִיסְל, מֶען קֶען אַרַיין גֵיין וואו מֶען ווִיל, אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס מֶען זָאל נָאר הָאבְּן.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז מִיר זֶענֶען דִי רַייכְסְטֶע קְהִילָּה וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר זֶענֶען טַאקֶע דִי רַייכְסְטֶע קְהִלָּה. אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ לֶערְנֶען אַלֶע, נִישְׁט קַיין חִילוּק יוּנְג אָדֶער אַלְט, יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, מִקְרָא

<<<<<<

>>>>>>

מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף ווִיפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעווִיסֶע שְׁוֶוערִיקֵייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין דָאס לֶעבְּן פִיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען ווִיל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר ווִיל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי "מְנִיעוֹת", דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ "נְעִימוּת", צוּ אַ זִיסְקֵייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵרָא, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פּוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כב) "וַיַרְא אֶת הַמָקוֹם מֵרָחוֹק", דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ"י ווִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וואו דֶער פְּלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ'ן בַּארְג.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד וואו עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואו מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְּלַאץ אִיז פַארְוָואלְקְנְט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

### עֶס אִיז דָא אַ וֶועג

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריקֵייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶער דֶער וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט פַאר תּוֹרָה?

דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא לה:) "הִלֵל מְחַיֵיב אֶת הָעֲנִיִים, רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם מְחַיֵיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵיב אֶת הָרְשָׁעִים" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרֶעם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

<<<<<<

>>>>>>

הִלֵל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וְוי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, וְוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַּארְ'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַדִיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִיקִים זֶענֶען מְחַיֵיב יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תִּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי יז) "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", אַ צַדִיק זוֹכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוֹכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חַזַ"ל אַז דִי צַדִיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחִיוּב הַמְצִיאוּת" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ וֶועג אוּן גֶעוִויזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַּארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָר, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעהֶעריִג מְסוּדָר, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער חֲתוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריִקְייטְן, אוּן דַאן וִויל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר וַוייטֶער שְׁוֶועריִקְייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶּער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלַל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל אֱמֶת'דִיג טוּן, סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת. אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

>>>>>>

מִשְׁנָה גְמָרָא. סֵיי קִינְדֶער, סֵיי בָּחוּרִים, סֵיי אִינְגֶעלַייט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ הָאט אֲרִיכוּת יָמִים; אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִיז יֶעדְן טָאג אַ טָאג, מֶען הָאט אֲרִיכוּת יָמִים - אַסַאךְ טֶעג, מֶען זוֹכְט נִישְׁט קַיין תִּירוּצִים אוֹיף נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, "הַיינְט אִיז עֶרֶב"; "מָארְגְן אִיז מוֹצָאֵי"; "אִיבֶּערְמָארְגְן אִיז פַארְוָואלְקֶנְט"; "אֵייעֶר נֶעכְטְן אִיז אַ שִׂמְחָה"; נָאר מֶען לֶעבְּט מִיטְן טָאג, יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל מִקְרָא, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מֶען הָאט מַמָשׁ אֲרִיכוּת יָמִים.

נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קכ.): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדֵי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט קַיין מִקְרָא, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, אוּן נִישְׁט קַיין גְמָרָא; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ מְצִיאוּת וָואס רוּפְט זִיךְ "גוֹסֵס", עֶס אִיז דָא אַ מְצִיאוּת וִוי אַ "בֵּית הַקְבָרוֹת", דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט; תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, יֶעדֶער תַּלְמִיד הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, חֲמִשָׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תַּלְמוּד בַּבְלִי, תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, שִׁשָׁה סִדְרֵי תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, וְתִיקוּנִים, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז אַן אֵייבִּיגֶע עֲשִׁירוּת.

ר' נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁרַייבּ מַיינֶע סְפָרִים נָאר פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט: 'אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ זַיין אַ גוֹסֵס אוּן אַ נִפְטָר, אִיךְ וֶועל לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר', אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן אוּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר - אִיז בַּיי מִיר גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, וָואס לֶעבְּט, עֶסְט אוּן שְׁלָאפְט, אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער סוֹף אִיז".

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ אַ שִׂמְחָה, אוֹיפְן וֶועג פָארְנְדִיג אַהִין, הָאט דֶער דְרֵייוֶוער אָנְגֶעצִינְדֶען פַאר מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם נִיגוּן: "מִיט וָואס? מִיט וָואס? מִיט וָואס וֶועט מֶען קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט..." (עֶס אִיז דָא אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ טֶעיפּ וָואס הָאט דֶערוֹיף דֶעם נִיגוּן), דֶער נִיגוּן גֵייט וַוייטֶער: "נִישְׁט קַיין חֲצוֹת, נִישְׁט קַיין תְּפִילָה בְּכֹחַ, נִישְׁט קַיין תִּיקוּן הַבְּרִית - מִיט וָואס וֶועסְטוּ קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?..." יֶענֶע וָואךְ בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִׁי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט: "מִיט וָואס?! מִיט וָואס?! מִיט וָואס וֶועט מֶען קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?! מִיט מַיינֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת! מִיט מַיינֶע דַפִּים גְמָרָא! מִיט מַיינֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ רֶעד יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב! מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט!".

דֶערְפַאר, זֶע דוּ אוֹיךְ אוֹיס צוּ נִיצְן דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן זִינְגֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער דֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם נִיגוּן: "מִיט וָואס וֶועל קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט".

לֵיידֶער מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיין רֶעדְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, אַז מֶען זָאל יֶעדְן טָאג אַרַיין כַאפְּן מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא וְכוּ', בְּשַׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): "רָאוּי לְאָדָם שֶׁיַּעֲבוֹר וְיֵלֵךְ בָּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כּוּלָּם כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים וָואס עֶס זֶענֶען פַארְהַאן, עֶר זָאל זַיין בַּאקַאנְט אִיבֶּעראַל, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת, וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, אַז מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט אַרוּם צוּ פָארְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָא אוּן דָארְט", "כְּמוֹ כֵּן, רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְינוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים", אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי, זָאל אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיבְן אִין הִימְל: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּעראַל", "וּלְעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אוֹיבְן אִין הִימְל לֶערְנְט מֶען מִיטְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען בָּזֶה הָעוֹלָם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

BreslevCenter.com\answers

# וְהִתְחַזַּקְתֶּם!

וּמָה הָאָרֶץ הַשְּׁמֵנָה הוּא אִם רָזָה, הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן, וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ (בַּמִּדְבָּר יג, כ): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט אַ רִיזִיגֶע מִילְגְרוֹים, אֵיינֶער אַ רִיזִיגֶע פַּייג, אוּן אַכְט מֶענְטְשְׁן אַ גֶעהֶענְגְל טְרוֹיבְּן, אָבֶער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, רֶבִּי אֶפְרָיִם'ל פְּשֶׁעדְבָארְזְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בְּסִפְרוֹ עוֹנֶג שַׁבָּת, פַּרְשַׁת שְׁלַח): הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: פַאַרְוָואס הָאבְּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מִפְּרִי הָאָרֶץ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶענוּמֶען, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם' 'וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ'. דִי צֶען מְרַגְּלִים, הָאבְּן טַאקֶע גֶענוּמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶער נִישְׁט מְחַזֵּק גֶעוֶועְן וֶוען עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי דִי מוֹרָא'דִיגֶער נִסָּיוֹן, אָבֶער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם', דָאס הִתְחַזְּקוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען, פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּגֶעלֵייגְט אַ י', אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף אִים: יָ-הּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים (רַשִׁ"י, בַּמִּדְבָּר יג, טז), אוּן וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען אַז פַאר יְהוֹשֻׁעַ הָאט מֶען אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אוּן פַאר אִים נִישְׁט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז חֶבְרוֹן בֶּעטְן בַּיי דִי קִבְרֵי צַדִּיקִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ רַחֲמָנוּת בִּזְכוּת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה לֵאָה, אַז אִיךְ זָאל נִיצוֹל וֶוערְן". פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁלַח, קנח ע"ב): וִוי אַזוֹי הָאט כָּלֵב נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אַלֵיין אִין חֶבְרוֹן, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי אַלֶע זֶעקְס רִיזְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: "וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה קוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט"; דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט וֶוער עֶר אִיז, אַז עֶר אִיז דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, אוּן עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען - פוּן וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט צוּ בַּאשַׁאפְן מֶענְטְשְׁן, בִּיז צוּם סוֹף וֶוען עֶר וֶועט פַארְמַאכְן דִי וֶועלְט - אַזַא נִידְרִיגֶע נְשָׁמָה, דֶעמָאלְט קֶען אִים שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִּיק, וַוייל אַז מֶען הָאט אִים אַלֶעמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דָא קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן הֵייבְּט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף, אוּן גֶעט אִים אַרַיין אַזַא הָאפֶענוּנְג אוּן חַיּוּת, דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, אוּן עֶר קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיים צַדִּיק.

אַ בָּחוּר הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מִילְיָאנֶער. וַוייל יֶעדֶער הָאט מִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אוֹיךְ אִין אַלֶע כִּתּוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ זִירָא אוֹיף דִי פַארְהֶער, אוּן אִיר הָאט מִיר נָאר צוּגֶעלֵייגְט דֶעם אֵיינְס נָאךְ דִי אַלֶע זִירָאס בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ בִּילְיָאנֶער...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם' זָאלְן מִיר אוֹיךְ נֶעמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַּקְתֶּם', זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין, אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(קוּנְטְרֵס "לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת")

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הערליכע פארשטעלונג דורך די "בית פיגא" תלמידות

הונדערטער פרויען זענען זיך צוזאמגעקומען די וואך דינסטאג און מיטוואך מיטצוהאלטן די הערליכע פלעי וואס איז אהערגעשטעלט געווארן דורך די תלמידות פון "בית פיגא", וועלכע האבן פארגעשטעלט די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט פון "די פארלוירענע בת מלך", די ערשטע מעשה פונעם ספר הקדוש ספורי מעשיות, אויף וואס דער רבי האט געזאגט, "ווער ס'האט געהערט די מעשה, האט געהאט אן הרהור תשובה".

אזוי עס איז געווען ערווארטעט גאר א גרויסע באטייליגונג, האט מען געמאכט די פלעי צוויי מאל, דינסטאג און מיטוואך, און מיט דעם אלעם האט מען נישט געקענט נאכקומען דעם גרויסן ציבור בלי עין הרע.

די פארזאמעלטע זענען גאר שטארק באאיינדרוקט געווארן פון די פאכמאנישע ארבעט ווי אזוי די קינדער האט אראפגעשפילט די פלעי אויף אזא שיינעם און פראפעסיאנאלן אופן. די פלעי האט געדויערט נאנט צו דריי שעה אנגעפולט מיט הנאה און געשמאק פון וואס יעדער האט גאר שטארק הנאה געהאט.

דער מוסר השכל איז שטארק ארויסגעברענגט געווארן, ווי אזוי יעדער איד איז באליבט ביים אייבערשטן, און ווען דער איד פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, פאלט ער נעבעך אריין אין די הענט פון די "נישט גוטע", אין די הענט פונעם יצר הרע, און ער ווארפט אריין דעם מענטש אין א טיפן שלאף, נישט דער גוף שלאפט, נאר די נשמה שלאפט, דער מענטש דרייט זיך ארום ווי אן אויסגעלאשענער ליכט, און האט נישט קיין סיפוק אין לעבן, ער זוכט א וועג ווי אזוי ער קען צוריק קומען צום אייבערשטן און האבן א גליקליך לעבן, יעדער לאכט אפ פון אים, מ'זאגט אים אז ער איז שוין דערנאך און ער וועט שוין קיינמאל נישט קענען מצליח זיין, אבער דער איד געבט נישט אויף, ער האלט זיך זייער שטארק און שרייט, "ס'איז זיכער יא דא", ס'איז זיכער דא א וועג אויך פאר מיר מצליח צו זיין, און דאן העלפט אים דער אייבערשטער אז ער טרעפט זיין נשמה, ער ווערט צוריק נאנט צום אייבערשטן, ער ווערט א פרייליכער און צופרידענער איד, און ס'איז אים גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

די באטייליגטע האבן זיך גאר שטארק באדאנקט פאר די איבערגעגעבענע מחנכות און די חשובע תלמידות פאר'ן אהערשטעלן דעם גאר געלונגענעם פארשטעלונג.

**עורו ישנים משינתכם!**


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נעמט אהיים א פושקע פון די הייליגע מוסדות פאר די געוואלדיגע סגולות געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים ביים ליכט צינדען און צו יעדע צייט, דורכ'ן מחזק זיין די הייליגע מוסדות וואס זענען א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט

**אויסצולייזן א פולע פושקע און צו באקומען א נייע**

**וויליאמסבורג 347-578-5726 - בארא פארק 347-760-5924**
**מאנסי 917-789-3095 - קרית יואל 845-238-0804**

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך < 212-444-9191 /**
845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן